**די ערשטע צען יאָר ייִדישע פּאָעזיע אין ראַטן־פֿאַרבאַנד**

לערער: פֿיליפּ שוואַרץ, דאָקטאָראַנט בײַ דער פּוילישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע, וואַרשע

אין דעם קורס וועלן מיר פֿאָלגן דעם שטורעמדיקן גאַנג פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, ד"ה דער עיקר אין אוקראַיִנע, בעלאַרוס און רוסלאַנד. מיר'ן אָנהייבן מיטן אויפֿבלי פֿון דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע בכלל און דער „קיִעווער גרופּע" — און ענדיקן מיטן אויפֿקום פֿון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און דעם סטיל פֿון „פּראָסטע רייד".

אַחוץ די „קלאַסישע" דיכטער דוד האָפֿשטיין, פּרץ מאַרקיש און לייב קוויטקאָ וועלן מיר אויך אַ קוק טאָן אויף אַנדערע דעמאָלט באַוווּסטע ליריקער ווי, למשל, אהרן קושניראָוו, ליפּע רעזניק, שמואל האַלקין, אַבֿרהם וועלעדניצקי, משה כאַשטשעוואַצקי און עזרא פֿינינבערג. וואָס שייך דעם איבערבראָך און דעם טריִומף פֿון „פּראָסטע רייד", וועלן מיר לייענען איציק פֿעפֿערן און איזי כאַריקן ווי אויך חנה לעווינען און אַן אָפּקלײַב פֿון פֿריִערדיקער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע.

כּדי נאָכצושפּירן די אַנטוויקלונגען אין יענע קאָכיקע נאָך־אָקטאָבערישע טעג, וועלן מיר אויך צו ביסלעך לייענען ליטעראַטור־קריטיקער אַזעלכע ווי, אַ שטייגער, יחזקאל דאָברושין, משה ליטוואַקאָוו, יצחק נוסינאָוו, אַלעקסאַנדער פֿינקעל, נחום אויסלענדער, ישׂראל סערעבריאַני, כאַצקל דוניעץ און יאַשע בראָנשטיין. נאָך מער, מיר'ן אויך אַ לייען טאָן שפּעטערדיקע וויסנשאַפֿטלעכע אָפּהאַנדלונגען פֿון חיים לויצקער, הערש רעמעניק און — פֿון אונדזערע טעג ממש — דובֿ־בער קערלער.

אויסער די דעבאַטעס וואָס שייך סימבאָליזם און פּראָלעטאַרישקייט אאַז"וו וועלן מיר אויך אַרומשמועסן איינצלנע וויכטיקע טעמעס אין דער פּאָעזיע ווי בירגערקריג, די פּאָגראָמען פֿון 1919טן יאָר און דער גורל פֿון ייִדישן שטעטל. נאָכן אַרומריידן די הויפּטשטראָמען און יענע דיכטער וואָס האָבן בשעתו געהאַט אַ גרויסן אײַנפֿלוס, וועלן מיר זיך ווענדן צו הײַנט ווייניקער באַקאַנטע דיכטער ווי דבֿורה כאַראָל, שׂפֿרה כאָלאָדענקאָ, מירע כענקין און משה ליווּשיץ צי אַזאַ מחוץ־למחנהניק ווי אלישע ראָדין.

מיר זײַנען אָפֿן פֿאַר וואָסער זאָל ניט זײַן פֿאָרלייגן לגבי וואָס מיר'ן לייענען בעתן קורס.

**The First Ten Years of Yiddish Poetry in the Soviet Union**

Teacher: Philip Schwartz, PhD candidate, Polish Academy of the Sciences, Warsaw

In this class we will follow the stormy paths of Yiddish poetry in the Soviet Union, that is, Ukraine, Belarus, and Russia. We will start from the beginnings of modern Yiddish poetry in general and the so-called Kyiv groupe—and conclude with the emergence of proletarian literature and the style of "simple speech."

Apart from the "classical" poets Dovid Hofshteyn, Perets Markish and Leyb Kvitko, we will also take a look at other then well-known authors such as Arn Kushnirov, Lipe Reznik, Shmuel Halkin, Avrom Velednitski, Moyshe Khashtshevatski and Ezro Fininberg. As far as the turn toward "simple speech" is concerned, we will read Itsik Fefer and Izi Kharik as well as Khane Levin and a selection of earlier proletarian poetry.

In order to get a better understanding of the developments in those energetic post-revolutionary days, we will take a glance at contemporary literary criticism and read critics such as Yekheskl Dobrushin, Moyshe Litvakov, Yitskhok Nusinov, Aleksander Finkel, Nokhem Oyslender, Yisroel Serebryani, Khatskl Dunyets, and Yashe Bronshteyn. Moreover, we will also read more recent literary scholarship by Khayim Loytsker, Hersh Remenik, and—from our days—Dov-Ber Kerler.

Besides the debates around symbolism and proletarian writing etc., we will also talk about a few central themes in Yiddish poetry such as the Civil War, the 1919 pogroms, and the fate of the shtetl. After discussing the main streams and poets who were influential at the time, we will turn to authors who are less known today, such as Dvoyre Khorol, Shifre Kholodenko, Mire Khenkin, and Moyshe Livshits, or a complete outsider such as Elishe Rodin.

I am open for students' suggestions regarding what we should read in this class.